# דער
# ארץ ישראל פאָנד
## פון מזרחי

זיין פראגראם און צוועק

— פון —

הרב הרב יהודה ליב הכהן פישמאן.

פערלאג „מזרחי ביורא"

פרייז 5 סענט

ניו יארק

1917

דרוק פון א. ה. ראזענבערג, 130 הענרי סט.

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2024

# דער ארץ ישראל פאָנד

פון מזרחי

זיין פראגראם און צוועק

— פון —

הרב י. ל. הכהן פישמאן.

---

שכון בארץ אשר אומר אליך (בראשית כ"ו ב') — עשה שכונה בארץ ישראל, הוי נוטע, הוי זורע הוי נציב, דבר אחר: שכון בארץ, שכן את השכינה בארץ.

(בראשית רבה פ' ס"ד).

גאָט האט געזאגט צו אברהם: שכון בארץ אשר אומר אליך — איז די כונה: מאך א שכונה אין ארץ ישראל, זאלסט פלאנצען, זעען, זיין א בעל הבית; נאך א כונה איז: שכון בארץ — מאך רוהען די שכינה אין ארץ ישראל.

(פון מדרש).

---

## א.

די נאטירליכע ליעבע און די רעליגיעז־נאציאנאלע בענקשאפט, וואס יעדער אידיש הארץ פיהלט צו ארץ ישראל, האט זיך שטענדיג אויסגעדריקט ניט בלויז אין געפיהלען, נאר אויך אין פראקטישע מעשים: אין אלע צייטען און אלע דורות האבען אידען ניט אויפגעהערט צו געדענקען זייער אלט היסטאריש לאנד, זייער האפנונגס־לאנד, און דאס האט זיי געבראכט צו טהאן מעשים, מאטעריעלע אדער גייסטיגע, פאר דאס לאנד און איהרע

מענשען. כמעט אלע אידען אין די גלות־לענדער האבען שטענדיג גערענקט אז ערגעץ ווייט האבען מיר א לאנד, צו וועלכער עס ביינקט יעדעס אידיש הארץ, כמעט אלע האבען געוואוסט זייער חוב, אדער צו זארגען מאבען רוהען די שכינה אין לאנד, אהער צו מאכען דארט שכונות און בויען דאס לאנד, און כמעט אלע האבען מיטגעהאלפען די ענטוויקלונג פון ישוב אין ארץ ישראל, אדער אליין פאהרענדיג דארט זיך צו בעזעצען, אדער שטי־צענדיג די, וואס האבען זיך דארט בעזעצט.

און א דאנק אט דעם נאציאנאלען בעוואוסטזיין האט קיינמאל ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירען דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל, נאר ער האט זיך אלין מעהר און מעהר ענטוויקעלט אין יהודה, שומרון, גליל, ביז ער איז אויסגעוואקסען אין צוויי קלאבען פערשיעדענע ישובים: דער אלטער ישוב און דער נייער ישוב.

די פון אלטען ישוב, וועלכע וואוינען אין ירושלים, חברון, צפת און טבריה, און טהייל אויך אין יפו און חיפה, האבען געזארגט פאר דער שכינה, בויענדיג תלמוד תורות, ישיבות און פערשיעדענע צדקה־אנשטאלטען. די פון נייעם ישוב, וועלכע וואוינען אן די אידישע קאלא־ניעס, האבען געבויט שכונות, פארמס, קאלאניעס, דערפער, האבען געזעעט, געפלאנצט און געמאכט דאס לאנד פאר א גן־עדן.

און אט די צוויי ישובים זיינען ביידע היילוג. אונזערע עלטערען און די אמאליגע דורות האבען געלעגט דעם ווינקעל־שטיין פונ׳ם ישוב אין ארץ ישראל, און זייערע קינדער און די ווייטערע דורות האבען געבויט די ווענט. און ווען ניט די עלטערען, ווער וויים צי די קינדער וואלטען גאר געפיהלט א ביינקשאפט צום היסטארישען לאנד. ווען ניט זיי, וואלטען מיר איצט געפונען אין ארץ ישראל רעשטלעך פון דער רוימישער עפאכע, פון די קרייץ־ציגע, די איבערהויבצען פון יעדער קירכע פון די פערשיעדענע רעליגיעס, מיר וואלטען אבער גאר ניט געפונען אונזערס וואס זאל אויספילען דעם גרויסען הלל: פון׳ם חורבן ביז היינטיגען טאג;

מיר וואלטען אין לאנד קיין אינהאלטס־פונקט ניט געפונען, קיין שוהל, קיין בית־מדרש, קיין ישיבה, קיין צדקה־אנשטאלט, און מיר וואלטען דארט אויסגעזעהן ווי פרעמדע, הן ביי יענעם, הן ביי זיך. אונזערע עלטערען אבער האבען אויסגעטראטען דעם וועג פאר זייערע קינדער. די עלטערע אידען, פערצייטענס, פלעגען פאהרען קיין ארץ ישראל ניט צו לעבען א גוטען טאג. זיי האבען גוט געוואוסט, אז דער וועג קיין ארץ ישראל איז ניט אויסגעבעט מיט רויזען, און אז זיי וועלען האבען פיעל צו לײדען און אויסצושטעהן אי אין וועג און אי אין לאנד גופא, וואס איז פוסט און וויסט— אבער זייער שטארקע ליעבע צום היילינגען לאנד האט זיי געגעבען כח און

מוטה אלץ אריבערצוטראגנען. און זיי זיינען געווען א מוסטער פאר זייערע קינדער, אז זיי זאלען זיך אויך מוסר נפש זיין פאר דאס לאנד, פאר'ן ישוב, און זיי זיינען געקומען און האבען דעם ישוב גרעסער געמאכט, צו די שטעדט זיינען צוגעקומען פעלדער און וויינגערטנער, און דער ישוב איז געווארען א טאפעלער: א שטאדטישער און א דארפישער, א קולטורעלער און אן עקאנאמישער.

די גרינדער פון דיביידע ישובים האבען געהאט איין צוועק פאר זיך, איין נאציאנאל־הייליגען צוועק: בויען דאס לאנד און זי בעזעצען. ביידע האבען געבראכט פיעל קרבנות פאר'ן לאנד, האבען געפיהרט מלחמות, אויסערליכע און אינערליכע, מלחמות מיט יענעם און מיט זיך אליין, מיט דער נאטור און מיט מענשען, מיט קראנקהייטען און הונגער — און האבען דאס אלץ מקבל באהבה געווען. דער חלוק אין די ביידע ישובים איז ניט א פועל יוצא פון זייערע פערשיעדענע צוועקען, אדער פאסירונגען, און דריקט זיך אויך ניט אויס אין די פערשיעדענע מיינונגען און זיטען פון די אלטע ישוב'ער און די נייע ישוב'ער — ווי טהייל אידען אין גלות מיינען: דער אלטער און דער נייער ישוב פערמאגען ביידע פערשיעדענע סארטען מענשען, מענשען מיט פערשיעדענע מיינונגען און כאראקטערס; דער א ל ט ע ר ישוב פערמאגט פיעל י ו נ ג ע כוחות, וועלכע ענטוויקלען זיך זעהר גוט, און דער נייער י ו נ ג ע ר ישוב פערמאגט פיעל, וועלכע פיהרען זיך לויט דער א ל ט ע ר אידישער טראדיציע. דער חלוק אין די ביידע ישובים איז נאר אין זייערע לעבענס־בעדינגונגען און עקזיסטענץ־פארמען, וואס זיינען אין יעדען ישוב גאנין אנדערש, א דאנק די פערשיעדענע בעציהונגען צו די ביידע ישובים, מצד די גלות־אידען, וועלכע האלטען זיך פאר די בעלי־בתים פון גאנצען ישוב אין ארץ ישראל, וואס מוז אנקומען צו זייער שטיצע.

אט די בעדינגונגען האבען געשאפען א תהום צווישען אלט און ניי, און האבען אויף יעדען חלק ישוב ארויפגעלעגט א בעזונדערען שטעמפעל.

---

ב.

דער נייער ישוב עקזיסטירט צ ע ה נ ד ל י נ ג ע ר יאהרען און די גאנצע צייט האבען די כלל־טהוער פון נייעם ישוב ניט אויפגעהערט זוכען עצות און מיטלען, ווי ער זאל זיך ענטוויקלען נאטירליך און נארמאל. די הילף־מיטלען זיינען פאר דער צייט פיעל מאל געענדערט געווארען, א דאנק די מיה פון די טהוער אין גלות, וועלכע האבען געזארגט פאר דעם ישוב, ער זאל סוף כל סוף קענען עקזיסטירען מיט א י י ג ע נ ע כ ח ו ת. פיעל פערזאמלונגען און צוזאמענפאהרען

זיינען אבגעהאלטען געווארען מכוח דעם נייעם ישוב און פיעל רעזאלוציעס זיינען אנגענומען געווארען בנוגע זיין ענטוויקלונג און פערגרעסערונג. די טהוער האבען געוואוסט און פערשטאנען, אז ניט אלע מיטלען ברענגען צום געווינשטען צוועק, און דעריבער האבען זיי אלע מאל געזוכט נייע עצות, נייע מיטלען, וואס זאלען העלפען אוועקשטעלען דעם ישוב אויף א געזונדען באזיס.

אנדערש איז אבער געווען מיט'ן אלטען ישוב, און זיינע עקזיסטענץ־פארמען. דער אלטער ישוב עקזיסטירט שוין הונדערטער יאהרען, און די גאנצע צייט לעבט ער פון קצבה, פון דער „חלוקה", און קיינעם פאלט גאר ניט איין זוכען און אויסגעפינען אנדערע מיטלען פאר זיין עקזיסטענץ. דורות געהען אוועק און דורות קומען און די חלוקה בלייבט אלץ די איינ־ציגע קוועלע פאר די מענשען פון אלטען ישוב, וועלכע מוזען אנקומען צו שטיצע.

די חלוקה, האט אמת, אן אלטע היסטאריע הינטער זיך, און אין דער געשיכטע פון אלטען ישוב, וואס האט זיך אנגעהויבען ענטוויקלען פון רמב"ן אן, א משך פון זעקס הונדערט פופציג יאהר, איז די חלוקה געווען א ברכה פאר'ן ישוב, ווייל לויט דעמאלסדיגען מצב האט די חלוקה געגעבען ברויט צו זאט פאר אלע מקבלים. דאס געלד פלעגט געשיקט ווערען פון חוץ־לארץ נאר פאר די ספרדים, וועלכע זיינען געווען די ערשטע זיך צו בעזעצען אין ארץ ישראל, נאך דעם גרוש שפאניען — בערך פיער הונדערט יאהר צוריק. די ספרדים אין ארץ ישראל האבען שוין געהאט זייערע תקנות ווי איינצוטהיילען דאס חלוקה־געלד, וואס פלעגט אנקומען פון חוץ־לארץ. לויט די תקנות, האבען גענומען חלוקה נאר די וואס זיינען געזעסען און געלערענט, אדער קראנקע און אלטע. מיט דער צייט האבען די ספרדישע רבנים, איבערהויפט הרב משה אלשיך, איינגעפיהרט, אז אין יעדער אידיש הויז זאל זיין אנגעשלאגען אן ארץ ישראל פושקע, און דאס געלד איז ווייטער אנגעקומען צו די ספרדים, וועלכע זיינען געווען דער רוב אין ארץ ישראל, און זיי האבען עס פערטהיילט לויט די אויבענדערמאהנטע תקנות. אזוי ארום האט די חלוקה געגעבען פרנסה, די וואס האבען געדארפט צו איהר אנקומען. מיט הונדערטער יאהרען שפעטער, ווען די צאהל פון די אשכנזים אין ארץ ישראל איז גרעסער געווארען און די חלוקה־געבער ווי די חלוקה־נעהמער האבען זיך צוטהיילט, די אזיער און אפריקאנער אידען, — ווי: טערקישע, מאראקאנישע, אלזשירער, טוניסער — האבען ווייטער געשיקט זייערע נדבות צו די ספרדים, און די איראפעאישע און אמעריקאנער אידען האבען געשיקט צו די אשכנזים — אויף דאמאלס האט נאך די חלוקה גע־קענט געבען פרנסה די ארעמע אידען פון די שטעדט. אבער אין משך פון

כמה יאהרען, ווען פון איין זייט איז דער ישוב, סיי פון די ספרדים, סיי פון די אשכנזים, געווארען גרעסער און גרעסער און פון דער אנדערער זייט ווידער, האט מען אנגעהויבען ניט אזוי שטארק מקפיד זיין אין אויסטהיילען די חלוקה און מען האט געגעבען ווער עס האט נאר אויסגעשטעלט א האנד— האט מען, נאטירליך, געמוזט שניידען די חלקים, ניט קוקענדיג אפילו, וואס לעבענס־מיטעל זיינען אלע מאל טייערער געווארען, און די חלוקה איז גע־ווארען קליין און נישטיג און קלעקט שוין ניט אפילו „אויף וואסער צו קאשע“.

צווישען די חלוקה נעהמער איז שוין מעהר ניטא איין סארט ספרדישע אידען און איין סארט אשכנזישע. פאר ספרדישע אידען רעכענען זיך איצט ניט בלויז די „ספאניאלישע“ אידען, נאר אויך די מאראקער, פערסיאנער, חאלאביער (ארם צובה'ר) בבליער, גרוזינער, קאווקאזער, תימנ'ער, בו־כארער. פאר אשכנזישע אידען רעכענען זיך ניט בלויז די פרושים, נאר אויך די חסידים און כתס אידען, און די ווערען ווייטער צוטהיילט אין פער־שיעדענע גרופען: פוילישע, וואהלינער, ליטווישע, חבר'ניקעס, עסטרייכי־שע, גאליציאנער, אונגארישע, רומענישע, דייטשישע, אמעריקאנישע א. א. וו. און ביי אזעלבע בעדינגונגען קען, נאטירליך, די חלוקה ניט בעפריעדיגען אפילו א טהייל פון די סאמע נויטיגע בעדערפנישען פון די וואס דארפען אנקומען צו איהר.

און די עקאנאמיש־נעדריקטע לאגע פון די חלוקה־נעהמער האט געהאט א שלעכטע ווירקונג ניט בלויז אויף זייער פריוואט לעבען, נאר אויפ'ן אלגעמיינעם לעבען פון אלטען ישוב, און האט אויך ניט צוגעלאזען צו דער ארגאניזירונג פון דער אידיישער קהלה. דאס ארעמקייט און עלענד האבען געבראכט צו קנאה, ניט־פערגינערייע און צו א קאמף פאר עקזיסטענץ אין אלע זייגע שרעקליכע פארמען, צווישען די חלוקה־נעהמער. און אויב פריי־הער זיינען אלע חלוקה־נעהמער געווען גלייך בערעכטיגט צו דאס געלד וואס איז אנגעקומען פון חוץ־לארץ, ניט קוקענדיג פון וועלכער שטאדט אדער לאנד עס איז געקומען — האבען זיך איצט צוליעב דער גרויסער צאהל נעהמער און די קליינע חלקים וואס איז יעדען אנגעקומען, די חלוקה־נעהמער צוטהיילט אין פערשיעדענע כוללים לויט די שטעדט און לענדער, פון וואנען זיי זיינען געקומען. זיי האבען אנגעהויבען אויסרעכענען יעדען גראשען וואס עס איז אנגעקומען פון חוץ־לארץ: פון וואנען ער קומט, פון וועלכער לאנד, פון וועלכער שטאדט. און אויסגעפינענדיג, אז דאס און דאס לאנד, די און די שטאדט שיקט מעהר גראשענס פאר יענעם לאנד און יענער שטאדט, האבען זיי זיך צוטהיילט לויט די לענדער, גובערניעס, שטעדט, מיט בעזונדערע כוללים און בעזונדערע גבאים. די ערשטע וואס האבען זיך אבגעטהיילט פאר זיך, זיינען געווען די האלענדישע און דייטשישע אידען. לויט דער צאהל

חלוקה־נעהמער פון האלאנד און דייטשלאנד איז אויסגעקומען, אז פון אט די לענדער קומט אן מעהר געלד ווי פון די איבעריגע לענדער, אין פערגלייך מיט די צאהל חלוקה־נעהמער, וואס די לעצטע ניבען ארויס, דעריבער האבען די האלענדישע און דייטשישע אידען געמאכט א כולל פאר זיך מיט'ן נאמען: „כולל הו"ה" (האלאנד־דייטשלאנד). מיט דער צייט האבען זיי נאכגעטהאן די אידען פון אנדערע לענדער, און האבען זיך אויך צוטהיילט אין בעזונדערע כוללים: פריהער: ווארשעווער כולל, הארארנער כולל, אונגארישער כולל און דערנאך: רייסינער כולל, סואוואלקער כולל, סלאנימער כולל, עסטרייכער כולל און רומענישער כולל. און וואס גרעסער עס איז געווארען דער ישוב און קלענער די חלוקה, אלץ מעהרער זיינען געווארען די כוללים. עס זיינען צוגעקומען: מינסקער כולל, פינסקער כולל, חב"ד'ער כולל און וואהלינער כולל, וועלכער איז שפעטער צוטהיילט געווארען אין נאך צוויי כוללים: זשיטאמירער כולל און בנ־סאראביער כולל. פון מינסקער כולל איז שפעטער אויך געווארען נאך צוויי כוללים: קאידענאווער כולל און ליבושאווער כולל. פון עסטרייכישען כולל איז געווארען גאנצע פינף: לעמבערגער כולל, בוקאווינער כולל, קאפעווער כולל, זיבענבערגער כולל און וויזניצער כולל. דער רומענישער כולל האט זיך אויך צוטהיילט אין צווייען: וואלאכייער כולל און בוקארעשטער כולל. מיט א פאר יאהר צוריק איז צוגעקומען דער אמעריקאנער כולל. איצט האבען די אשכנזים אין ארץ ישראל פינף און צוואנציג כוללים. פון די ספרדים האבען זיך אויך אבגעטהיילט די מאראקאנישע און תימנ'ער אידען און האבען געמאכט כוללים פאר זיך. און אזוי ארום איז דער אלטער ישוב צוטהיילט און צוברעקעלט געווארען, א דאנק די עקאנאמישע־טרויעריגע לאגע פון די, וועלכע האבען זיך מוסר נפש געווען צו וואוינען אין דעם הייליגען לאנד.

די צוטהיילונג אויף פיעל כוללים האט אפשר געהאלפען צו פערגרעסערען די הכנסה פון דער חלוקה, דורך דעם, וואס די מנהיגים אין ארץ ישראל און די גבאים אין חוץ־לארץ האבען זיך משתדל געווען אז זייער כולל זאל האבען וואס מעהר הכנסה, אבער די חלוקה איז נאך אלץ קליין און ארעם און די לאגע פון די חלוקה־נעהמער איז טרויעריג און שרעקליך. נאך די תקנות פון דער חלוקה, קריגט יעדע פאמיליע א יעהרליכע שטיצע, לויט די צאהל נפשות איהרע, און א חוץ דעם, א געוויסע סומע אין פאראויס, וואס צאהלט זיך ניט לויט די נפשות, נאר לויט דעם יחוס פון דער פאמיליע און איהרע „זכות אבות". אזוי ארום קריגט יעדע פאמיליע א טאפעלע שטיצע: איינע לויט די נפשות און א צווייטע לויט'ן יחוס. און מיט דער טאפעלער שטיצע מיינען די גלות־אידען, אז זיי האבען שוין יוצא געווען זייער חוב פאר'ן אלטען ישוב. אבער דער וואס ערלויבט זיך ניט צו רעדען וועגען ישוב אין ארץ ישראל

לויט דעם וואס ער האט געהערט, נאר האט אליין געזעהן דעם ארטיגען מצב מיט די אויגען, דער ווייס ווי ארעם עס איז די חלוקה און ווי דלות'דיג עס זעהט אויס די שטיצע וואס די שטעדטישע אידען קריגען. עס איז גענוג ארויסצוגעהן אין די גאסען פון ירושלים, חברון, טבריה און צפת און אנקוקען די פנים'ער פון די חלוקה-נעהמער, צו האבען א בעגריעף, ווי גרויס די חלוקה איז און ווי זאט זי גיט צו עסען... בלייכע פנים'ער, איינגעפאלענע באקען — דאס זיינען די טיפען־סמנים פון די חלוקה-נעהמער; הויט און ביינער, סקעלעטען וואס וואנדלען ארום ווי שאטענס — דאס זיינען די וואס לעבען פון דער חלוקה. לויט א ריכטיגען חשבון פערלעבט א מענש אין ארץ ישראל, ווען קארג געלעבט, בלויז אויף ברויט, גרינסען, דירה און קליידונג 150 פראנק (דרייסיג דאלאר) א יאהר, און ווען מיטעל געלעבט, זיך פערגינענדיג פלייש, אייער, מילך צו ביסלעך, — 300 פראנק (זעכציג דאלאר) א יאהר. ווען מיר זאלען איצט אויסרעכענען די חלוקה־געלדער, ווי זיי ווערען פערטהיילט, וועלען מיר אויסגעפינען, אז נאר די פון אונגארישען, האלענדיש־דייטשישען, זיבענבערגישען און אמעריקאנישען כולל זיינען עס די „גליקליכע", וואס קענען לעבען פון דער חלוקה. די כוללים צאהלען פאר יעדען נפש פון הונדערט ביז צוויי הונדערט פופציג פראנק (20—50 דאלאר) א יאהר א חוץ וואס זיי גיבען אין פאראויס פון פינף און צוואנציג ביז פינף הונדערט פראנק א פאמיליע. אזעלכע „גליקליכע" זיינען אבער מעהר ניטא ווי ארום צוויי טויזענד. די פון די אנדערע כוללים פון די רוסישע, עסטרייכישע און רומענישע כוללים, וועמעס צאהל עס דערגרייכט אין די צעהנדליגער טויזענדער, קריגען אזוי ווייניג פון דער חלוקה, אז אין בעסטען אופן קען עס זיי קוים קלעקען אויף דירה־געלד און שטייער. דער חב"דער, לעמבערגער און קאידענאווער כולל צאהלען פאר יעדען נפש פ י ע ר צ י ג  פ ר א נ ק (8 דאלאר) א יאהר און פאראויס גיבען זיי פון צוואנציג ביז צוויי הונדערט פראנק א פאמיליע. די האראדנער, ווילנא־ז'אמוטער, ווארשעווער, מינסקער, סלאנימער, וויזעניצער, סואוואלקער, בוקאווינער, בוקארעשטער, קאסעווער, רייסינער כוללים צאהלען פאר א נפש פון צעהן ביז דרייסיג פראנק (2—6 דאלאר) א יאהר, און פאראויס גיבען זיי פון צעהן ביז הונדערט פראנק א פאמיליע. די וואהלינער, וואלאחייער, בעסאראביער, פינסקער און קארלינער כוללים צאהלען פאר א נפש פון דריי ביז צעהן פראנק א יאהר און גיבען אין פאראויס פון איין ביז הונדערט פראנק א פאמיליע. אז נאך אזא דלות'דיגע שטיצע, וואס ערנידעריגט נאר דעם גייסט פון דעם נעהמער, איז שוין קיין וואונדער ניט וואס א סך חלוקה־נעהמער בענוצען זיך מיט אנדערע, אפט ניט קיין שעהנע, מיטלען ווי צו וועקען דאס רחמנות געפיהל פון זייערע חוץ־לארץ'דיגע ברידער.

---

.ג

אבער צום קרעדיט פון די ארץ ישראל'דיגע אידען דארף געזאגט ווע־רען, אז דער גרעסטער טהייל פון זיי האט אין ארעמקייט ניט פערלארען זיין זעלבסט־אכטונג און סטארעט זיך מיט אלע כחות צו פערדיענען א שטיקעל ברויט מיט די אייגענע הענד. לויט א סטאטיסטיק, וואס איז צוזאמענגע־שטעלט געווארען פאר דער מלחמה, געפינען זיך צווישען די  א כ ט ט ו י ז ע נ ד  ירושלים'ער פאמיליעס,  ז ע ק ס  ט ו י ז ע נ ד , וואס לעבען פון פערשיעדענע מלאכות און האנדעל. הונדערטער פאמיליעס לע־בען פון שניידעריי, בטאליעריי, שמידעריי, רימעריי, שוסטעריי, פארבעריי און וועבעריי; הונדערטער פאמיליעס לעבען פון דרוקעריי, זייגער־מאכע־ריי, האלץ־שניצעריי, מאכען הייזער, מאלען זאלץ און גרויפען; הונדער־טער פאמיליעס — פון שטריקעריי, שטיין־גיסעריי, איינבינדעריי, שלייפעריי, קאלכעריי, און הונדערטער פאמיליעס לעבען פון די שווערסטע אר־בייט, ווי: רייניגען גראבענס, לאטען, וואשען, טראגען משאות, בויען היי־זער, האקען שטיינער, מאכען טעפיכעס, קופער־שמידעריי, בלעכעריי, גאר־בעריי א. א. וו. הונדערטער פאמיליעס לעבען פון האנדעל מיט תבואות, האלץ, פרוכט, משקאות, מעהל און אנדערע פראדוקטען, און הונדערטער פא־מיליעס לעבען פון לעהרעריי, ליטעראטור, אגענטור, מעקלעריי, פעדלעריי א. א. וו.

אין ירושלים, אזוי אויך אין אנדערע שטעדט, געפינען מיר אין אלטען ישוב אלע סארטען בעלי מלאכות, וועלכע סטארען זיך צו לעבען פון זייערע אייגענע פערדיענסטען. מען מוז אבער מודה זיין, אז נאך אלע מלאכות און מסחרים, איז דער מצב אין די שטעדט מורא'דיג, וואס לאזט זיך גאר ניט בעשרייבען. א שרעקליכע ארעמקייט אין יעדעם ווינקעלע, א דלותדיג, שפל'דיג לעבען. אפילו די בעלי מלאכות, די קרעמער, די סוחרים, ערוועקען א רחמנות געפיהל. אן איינגעבויגענער רוקען, קראנקע אויגען, דארע, ציטערדיגע הענד — דאס זיינען די סמנים פון די בעלי מלאכות אין אל־טען ישוב; נידריגע, קליינע קרעמלעך אין וועלכע עס וואנדלען מענשען־שאטענס — דאס איז דער האנדעל אין די שטעדט.

און עס איז כדאי צו פערגלייכען דעם מצב פון די אידישע בעלי מלאכות און הענדלער אין די שטעדט, צו די ניט אידישע. פון דעם פערגלייך קען מען פיעל לערנען. ווייל בעת דער מצב פון די אידישע בעלי מלאכות און הענדלער ערוועקט מעהר ניט ווי רחמנות, ווערט דער מצב פון די ניט־אידי־

שע בעלי־מלאכות און הענדלער אלץ בעסער און בעסער, און עס געפינען זיך צווישען זיי ניט נאר פערמעגליכע מענשען, נאר אויך גאנץ רייכע. די הויפט סבה איז, ווייל די אראבער און די קריסטען נעהמען זיך ניט צו קיין מלאכה אדער מסחר, וואו זיי זאלען ניט האבען פריהער א מזומנ'עם קאפיטאל, באופן זיי זאלען קענען פיהרען זייער *האנד־ווערק און האנדעל מיט אייגענע כחות. ניט אזוי טהוען די אידען, וועלכע האבען ס'רוב ניט א גראשען אייגענס. ווען זיי עפענען א קראם, אדער פערלייגען א ווערק־שטאט, נעהמען זיי די סחורה, אדער די מטעריאלען, אויף בארג, אדער זיי לייהען דאס געלד, און מוזען פאר אלץ צאהלען גרויסע פראצענטען, וואס רייסען פון זיי אראב די הויט, און ביז זיי קריגען דעם קרעדיט געהט דערווייל אוועק דער סיזאן, און זיי בלייבען ביי גאר ניט.

און אין דעם זיינען שולדיג די חוץ־לארץ'דיגע אידען, וועלכע האלטען זיך פאר די בעלי־בתים פון אלטען ישוב, און האבען ניט געוואוסט, און ניט געזוכט צו וויסען, די וועגען און מיטלען ווי צו ראטעווען דעם ישוב פון ארעמקייט און דלות. זיי האבען געדארפט וויסען, אז אויך אין אלטען ישוב געפינען זיך פיעל מענשען מיט איניציאטיווע און ענערגיע, וואס ביי געוויסע בעדינגונגען און מיט א געוויסע הילף, האבען זיי געקענט פיעל אויפטהאן פאר די ענטוויקלונג פון ישוב: אז אויך אין אלטען ישוב געפינען זיך גוטע עלעמענטען, וואס זיינען, אפשר, בעסער פאר די וואס קומען פון די גלות־לענדער, פאסען זיך מעהר צום לאנד, און זיינען פיל ניט ווייניגער פעהיג ווי זיי פאר ארבייט און האנדעל. און ווען די חוץ־לארץ'דיגע אידען וואלטען ניט געוואלט יוצא זיין זייער חוב צום ישוב מיט נ ד ב ו ת און צופעליגער שטיצע, וואס העלפען מעהר ניט צו ערנידעריגען די נעהמער און אבטויטען אין זיי יעדער געפיהל פון זעלבסט־אכטונג, נאר וואלטען געזארגט צו ענטוויקלען פערשיעדענע צווייגען פון אינדוסטריע, און אויסבארגען די הענדלער און בעלי־מלאכות הלוואות אויף לענגערע טערמינען, זיי זאלען קענען ענטוויקלען זייער ארבייט און האנדעל — וואלטען זיי געקענט פיעל פערבעסערען די עקאנאמישע לאגע פון אלטען ישוב און אויך אויפהויבען זיין גייסטיגען צושטאנד.

עס איז כדאי דא צו דערמאהנען צוויי סארטען מלאכות, וואס מיט א קלייניגקייט קענען זיי ווערען גרויסע עקאנאמישע פאקטארען אין אלטען ישוב. דאס איז די עצי־זית ארבייט און די פערלמוטער־ארבייט. די עצי־זית ארבייט קען בעשעפטיגען פיעלע פאמיליעס און זיי געבען פרנסה בריות. עס זיינען אבער דא אייניגע שטערונגען, וואס לאזען ניט די ארבייט זיך ענטוויקלען, א דאנק דעם מאנגעל אין מיטלען. די כלים, וואס ווערען געמאכט פון עצי־זית ווערען על פי רוב גיך צושפאלטען, נאך איידער דער אר־

בייטער פערקויפט זיי. די סבה איז א פשוט'ע: די ברים ווערען געמאכט פון נאסע האלץ, און ווען דאס האלץ הויבט אן טריקענען, שפאלט זיך עס. קויפען האלץ און לאזען עס טריקענען פאר דער ארבייט — אויף דעם האבען די ארבייטער קיין געלד ניט. עס פעהלט זיי אויך פערשיעדענע געצייג און מאשינען. אט די ארבייטער, ווען זיי וואלטען געקראגען הלואות אויף אב־צאהלען אין קליינע ראטעס, זיי זאלען קענען אנגרייטען האלץ און לאזען עס טריקענען און אויך איינקויפען די נויטיגע געצייג, וואלט די עצי־זית ארבייט געקענט געבען פרנסה פיעל פאמיליעס אין די שטעדט.

און אויב די עצי־זית ארבייט ליעגט אין די אידישע הענד און דארף מעהר ניט האבען ווי אייניגע איסבעסערונגען, איז די פערלמוטער־ארבייט, וואס גיט פרנסה בכבוד, ביז מיט א פאר יאהר צוריק געלעגען אין גאנצען אין ניט אידישע הענד. מיט דער ארבייט האבען זיך פערנומען די קריסטען אין בית לחם. איז א משך פון יאהרען, און ארום דריי טויזענד ארבייטער פון בית לחם און די ארומיגע דערפער, ציהען נאך היינט פון דעם זייער חיונה. די אידישע סוחרים אין ירושלים קויפען ביי זיי יעדעס יאהר פאר צעהנדליגער טויזענדער פראנקען סחורה — און פאר דער גאנצער צייט איז במעט ווי גאר ניט געטהאן געווארען אריינצונעהמען די ארבייט אין אידישע הענד. ערשט א יאהר פאר דער מלחמה, האט דער אמעריקאנער פילאנטראפ, נייטהען שטרויס, געמאכט א פאבריק פאר דער ארבייט אין ירושלים. ווי ווייט די ארבייט האט אז עקאנאמישען ווערט קען מען זעהען פון דעם פאקט, וואס די קריסטען פון בית לחם האבען אנגעווענדעט אלע זייערע כוחות, ניט צו לאזען עפענען די פאבריק אין ירושלים. צווישען אלע ירושלים'ער אידען איז ניט געווען קיין איינער, וועלכער האט געקענט די פערלמוטער־ארבייט, און די גרינדער פון דער פאבריק האבען געמוזט ברייגען פון בית לחם אראבישע ארבייטער, זיי זאלען לערנען די אידישע ארבייטער. ווען די בית לחם'ער האבען זיך דערוואוסט, אז די ירושלים'ער אידען ווילען איינפיהרען די ארבייט, וואס גיט זיי אזוי פיעל יאהר פרנסה מיט'ן פולען האנד, האבען זיי עס שטארק ניט געוואלט ליידען און האבען בעשלאסען מיט געוואלט דאס ניט דערלאזען. אייניגע מאל זיינען זיי געקומען קיין ירושלים ארויס־נעהמען די אראבישע ארבייטער פון דער ארבייט, און ווען דאס האט זיך זיי ניט איינגעגעבען, האבען זיי געפרובט מאכען א באיקאט אויף די אר־בייטער און אויף יעדען וואס וועט האבען א מגע ומשא מיט דער פאבריק. די אלע סטראשונקעס האבען אבער גאר ניט געהאלפען, און די פאבריק האט זיך אנגעהויבען צו ענטוויקלען און ביסלעכווייז האבען די בית לחם'ער זיך צו־געוואוינט צו קוקען גלייכגילטיג אויף דעם וואס די ארבייט געהט איבער אין אידישע הענד. און ווען די חוץ לארץ'דיגע אידען וואלטען געהאלפען די ארבייטער מיט קליינע הלואות, זיי זאלען קענען די ארבייט ענטוויקלען,

וואלט זי געקענט ווערען א וויכטיגער עקאנאמישער פאקטאר אין שטאדטי־שען לעבען.

---

## ד.

ווען די חוץ־לארץ׳דיגע אידען וואלטען געוואוסט זייער חוב צו די אידען פון אלטען ישוב, וועלכע האבען בעזעצט די שטעדט ירושלים, צפת, חברון און טבריה, וואלטען זיי ניט נאר געהאלפען, אז די ש כ י נ ה זאל רוהען אין ארץ ישראל. נאר זיי וואלטען אויך געבויט ש כ ו נ ו ת און פארמס, אז די ארץ ישראל׳דיגע אידען זאלען קענען זיך אליין מפרנס זיין. די ערשטע פיאנערען פון די אידישע קאלאניעס דערצעהלען נאך היינט, ווי עס האבען זיך צום ערשטען מאל געטראפען די מענשען פון אלטען ישוב מיט די פון נייעם. געווען איז עס אין די ערשטע יאהרען פון דער קאלאניזאציע, א טהייל קאלאניסטען זיינען געקומען אויף פסח קיין ירושלים. די ערשטע נאכט פסח זיינען זיי אלע געגאנגען דאווענען אין דער „חורבה"־שול, און האבען זיך אויסגעשטעלט אין איין לאנגער שורה אין זייערע פשוט׳ע, פויערישע קליידער. נאכן דאווענען זיינען אלע צוגעגאנגען צו זיי, און זעהר פריינדליך זיי געזאגט: גוט יום טוב !, געגעבען שלום. פיעל יונגע בית מדרשניקעס און חלוקה־נעהמער האבען זיי געקושט די הענד, און האבען געוויינט פון שמחה און התפעלות. זיי האבען זיי, קענטיג, שטאר׳ק מקנא געווען, וואס זיי האבען זוכה געווען צו זיין די בויער פון אידישען לאנד. און די קנאה האט נאך עד היום ניט אויפגעהערט ביים אלטען ישוב. פיעל פון זיי זיינען נאך היינט גרייט צו טהאן יעדע שווערע ארבייט ניט בלויז אין הויז, נאר אויך אין פ ע ל ד , און ניט איין מאל האבען זיי זיך אר־גאניזירט אין גרופען צו ווערען קאלאניסטען. אבער אונזערע חוץ־לארץ׳דיגע אידען, וועלכע ריידען זיך איין, אז אויף זייערע נדבות האלט זיך דער אל־טער ישוב, האבען זיך ניט אבגערופען צו העלפען די ארץ־ישראל׳דיגע אי־דען, זיי זאלען קענען אויספיהרען זייער פלאן; ניט איין מאל האבען די פון אלטען ישוב געפרובט צו קויפען ערד און טהאן ערד־ארבייט, אבער די חוץ־לארץ׳דיגע האבען זיך צו די פראבעס פערהאלטען מיט בטול, און פון דעם איז גאר ניט געווארען.

נאך צוריק מיט ה ר י י ס י ג יאהר האבען די צפת׳ער חלוקה־אידען געמאכט א פראבע צו ווערען קאלאניסטען, און צו דעם צוועק האבען זיי זיך ארגאניזירט אין א חברה מיט׳ן נאמען „בית יהודה", צו קויפען ערד און זי בעארבייטען. פיעל האבען זיי געליטען און אויסגעשטאנען, ביז זיי הא־

בען גענרינדעט די קאלאניע „בני יהודה“, אויף יענער זייט ירדן, ביים ים כנרת, ניט ווייט פון טבריה. אויך די ירושלים׳ער חלוקה־אידען האבען געמאכט אזא פראבע. זיי האבען געקויפט א שטיק ערד לעבען דעם היסטארישען פלאץ רמה, נאהענט צו ירושלים און האבען דארט געוואלט גרינדען א קאלאניע. די צפת׳ער, ווי די ירושלים׳ער, האבען געוואלט אוועקווארפען די חלוקה און פערדיענען אליין זייער ברויט. און זיי האבען אין די געקויפטע ערד אריינגעלעגט זייער גאנץ פערמעגען, האפענדיג אז די חוץ־לארץ׳דיגע נדיבים וועלען וויסען ווי אבצושאצען אזא שריט, מצד דעם אלטען ישוב, און וועלען זיי העלפען. זיי זאלען קענען אנגעהן מיט דער ארבייט. זייער האפנונג האט זיך אבער אויסגעלאזען מיט גארניט. זיי האבען זיך געווענדעט צו פערשיעדענע חברות און געבעטען, מען זאל זיי העלפען, ניט מיט נדבות, נאר מיט הלואות אויף אבצאהלען אין ראטעס. אבער קיין חברה האט זיך ניט אבגערופען. אונזערע חוץ־לארץ׳דיגע אידען האבען מבטל געווען די פראקטישע פלענער פון די חלוקה־נעהמער, וועלכע טויגען מעהר ניט, לויט זייער מיינונג, נאר צו לעבען פון קצבה — און פון די אלע פלענער איז גאר ניט געווארען.

---

ה.

די עקאנאמיש־שרעקליכע לאגע פון די שטאדטישע אידען אין ארץ־ישראל האט געדארפט פעראינטערעסירען יעדען אידען אין חוץ־לארץ, צו זוכען מיטלען און עצות, ווי אויסצובעסערען די לאגע. די „אפוטרופסים“ פון ישוב אין חוץ־לארץ האבען געדארפט וויסען, אז דער חוב צו זייער פאלק, זייער רעליגיע, זייער תורה און זייער לאנד פאדערט פון זיי, אז זיי זאלען זעהן צו פערבעסערען די לאגע פון די ארץ־ישראל׳דיגע אידען זיי זאלען ניט דארפען אנקומען צו נדבות. זיי האבען געדארפט פערשטעהן, אז בשום אופן קענען זיי ניט, און טארען ניט, יוצא זיין זייער חוב צו די "עניי ארץ ישראל" מיט גראשענדיגע נדבות, וועלכע עבפריעדיגען נאר דאס רחמנות־געפיהל פונ׳ם געבער... אבער צום בעדויערען פערהאלטען זיך אפילו די פרומע אידען, די „יראים“ און „חרדים“, ביי וועמען דער אלטער ישוב איז קודש קדשים — אפילו זיי פערהאלטען זיך קאלט־בלוטיג און גלייכגילטיג צו דער לאגע פון די ארץ־ישראל׳דיגע אידען: אפילו זיי קוקען אויף די אידען פון: ירושלים, חברון, צפת און טבריה, וועלכע לעבען פון חלוקה, ווי אויף „שנאָרער“, וואס קוקען נאר אויס אויף די "פושקעס" און די נדבות. וואס די חוץ־לארץ׳דיגע נדיבים שיקען זיי אריין. א ירושלים׳דיגער איד איז געווארען אין חוץ־לארץ דער סימבאל פון בטלנות, און די צפת׳ער, חברון׳ער און טבריה׳ער אידען גילטען פאר „קבצנים“, פאר מענשען, וועלכע „ווארפען זיך אן

אויף קהל״ — אפילו ביי די, וועלכע קענען זיך ניט אבלויבען פון אלטען ישוב.

און אזא פערהאלטען, מצד די הוץ־לארץ׳דיגע אידען צו די ארץ־ישראל־דיגע האט שלעכט געווירקט ניט בלויז אויף דאס פריוואטע לעבען פון די ארץ־ישראל׳דיגע אידען, נאר אויך אויפ׳ן גאנצען פראצעס פון שטאדטישען ישוב, און האט אויך געבראכט דערצו, אז די ארץ־ישראל־דיגע אידען זאלען אנהויבען טראכטען מכח עמיגרירען פונ׳ם לאנד. די עמיגראציע פון ארץ־ישראל, מצד די פון אלטען ישוב, איז, צום בעדויערען, געווען א שטענדיגע ערשיינונג, נאך פאר דער מלחמה. פיעלע פון אלטען ישוב, יונגע עלטערען און עלטער־עלטערען האבען געוואוינט אין ארץ־ישראל, און זיי אליין זיינען געווען אנגעקניפט צום לאנד מיט פאמיליען־פעדים און מיט טייערע זכרונות. — אט אזעלכע האבען אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא און אויסטראליע, און די יונגע כחות אין די הייליגע, אלטע שטעדט זיינען געוואָרען אלץ ווייניגער און ווייניגער. די יונגע לייט איז פער׳מאוס׳ט געווארען די שנארערישע חלוקה און קיין אנדערע מיטלען צו פערדיענען זייער ברויט האבען זיי ניט געזעהן פאר זיך, האבען זיי ניט געהאט קיין אנדער ברירה, ווי אויסצוואנדערען. שטארקער איז געווארען די עמיגראציע צווישען אלטען ישוב, ווי עס האט אויסגעבראכען די מלחמה. מען קען, אמת, ניט לייקענען, אז די „מיליטער פראגע" איז אין א געוויסע מאס, געווען די סיבה, וואס א סך יונגע לייט האבען געמוזט פערלאזען דאס לאנד, אבער דער פאקט, אז דער גרעסטער טהייל פון די אויסוואנדערער איז געווען פון אלטען ישוב, דאס אליין ווייזט שוין, אז די מיליטער פראגע איז ניט געווען די הויפט סבה אין דער עמיגראציע. די "מיליטער פראגע" האט דירעקט אנגעריהרט אויף דעם נייעם ישוב, פונדעסטוועגען זיינען כמעט אלע פון זיי געבליבען אין לאנד, כדי ווייטער צו פערגיסען זייער שווייס און בלוט אויפ׳ן אידישען באדען. פאר וואס זשע האבען אזוי פיעל עמי־גרירט פון אלטען ישוב? דער אמת איז, אז ניט אויס מורא פאר׳ן שווערד האבען זיי אויסגעוואנדערט, נאר אויס מורא פאר הונגער. ניט איין מאל האבען זיי געזעהן אין ירושלים, אין אונזער מעטראפאלים, ווי תלמידי חכמים, וואס זיצען יום ולילה און לערנען, האבען אפילו ניט קיין טרוקען שטיקעל ברויט — און א מורא׳דיגער יאוש האט זיי ארומגעכאפט; זיי האבען געזעהן מיט די אויגען זייער מצב אין דער געגענווארט, אז ער האט ניט קיין יסוד און האבען געפיהלט, וואס עס ערווארט זיי אין דער צוקונפט, א דאנק דעם וועלט־חורבן, וואס האט זעהר שלעכט זיך אבגערופען אויפ׳ן ישוב בכלל און אויפ׳ן אלטען ישוב בפרט — און אט

דאס בעוואוסטזיין האט זיי געצוואונגען צו איבערשטארקען זייער ליעבע צום לאנד און זיך אויסקלאזען זוכען ברויט אין די ווייטע לענדער און פרעמדע מדינות.

אונזערע חכמים האבען שטארק מתרעם געווען אויף „א יונג בוימעל, וואס ווערט ארויסגעפיהרט פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ“ (ירושלמי, פ״ג דמועד קטן, ה״א). היינט וויפיעל דארפען מיר מתרעם זיין און בעדויערען די הונדערטער יונגע בוימער, וואס זיינען אויסגעריסען געווארען פון ארץ ישראל און פערוואָרפען געווארען אין חוץ לארץ — א דאנק אונזער גלייכגילטיגקייט צו זייער מצב אין ארץ ישראל. דאס הארץ ווערט צוריסען און די אויגען ווערען אנגעגאסען מיט טרעהרען קוקענדיג, ווי די ארץ ישראל'דיגע קינדער וואלגערען זיך ארום אין דער פרעמד. אבער נאך טרויעריגער און נאך שרעקליכער איז די לאגע פון די ארץ ישראל'דיגע, וועלכע זיינען געבליבען אין לאנד. דער אידיישער ישוב אין ארץ ישראל האט זעהר שטארק געליטען פון וועלט־קריזיס, אבער מעהר פון אלעם האט געליטען דער אלטער ישוב. מיר האבען איצט ניט קיין פערבינדונג מיט ארץ ישראל, אבער לויט די ווייניגע, קורצע ידיעות, וואס מיר קריגען פון דארט פון צייט צו צייט, ווייסען מיר, אז דער אלטער ישוב האט געליטען מעהר פון אלעמען, און וואס עס איז הייליגער איז מעהר חרב. פיעל פון די בעסטע כחות האבען פערלאזען דאס לאנד, און די וואס זיינען געבליעבען, געהען אוים פון הונגער און נויט. פיעל חשוב'ע בעלי־בתים, וועלכע האבען זיך גערעכענט אין ארץ ישראל פאר שטיקלעך גבירים, מיטעלע סוחרים, קרעמער, בעלי־מלאכות, וואס אין שלום־צייט האבען זיי ניט בלויז ניט גענומען פון חלוקה, נאר אויך ארויסגעהאלפען אנדערע אין נויט — אט די האבע שוין אויפגעגעסען דאס לעצטע, זיינען געווארען ארעמע לייט, און קוקען מיט שרעק אויף דעם וואס עס ערווארט זיי אין דער צוקונפט.

די גייסטיגע לאגע אין די ארץ ישראל'דיגע שטעדט, לאזט אויך ניט רוהען. פון אלע זייטען אין חוץ־לארץ הערען מיר, אז אלע אידיישע פארטייען קומען צו דער איבערצייגונג, אז עס איז ניטא קיין אנדער פלאץ פאר דעם אידישען גייסט און די אידישע קולטור, ווי ארץ ישראל. דאס וואלט אונז געקענט צופרידענשטעלען ווען מיר וואלטען ניט געוואוסט, ווי פערשיעדען עס זיינען ביי אונז די מיינונגען מכח אידישען גייסט און אידישע קולטור, און וויפיעל פון זיי עס זיינען שעדליך פאר דעם אידישען גייסט און די אידישע תורה. יעדע פארטיי האט זיך איהרע מיינונגען, טהייל אידיש־אריגינעלע, טהייל פאלשע, וועגען אידישען גייסט און דער אידישער קולטור. און עס איז כמעט ווי זיכער, אז נאך דער מלחמה וועלען אלע פארטייען אנ־

פיהרען צווישען זיך א קאנקורענץ, בנוגע די קולטור־ארבייט אין ארץ ישראל. יערע פארטיי וועט וועלען משפיע זיין איהר גייסט אויף דעם אידישען חינוך און ליינען איהר קולטורעלען שטעמפעל אויף דעם גייסטיגען לעבען אין ארץ ישראל. און יעדע פארטיי וועט אודאי פרובען אויסנוצען די עקאנאמיש־שלעכטע לאגע אין די שטעדט צו קריגען די איבערהאנד איבער דעם גייסטיגען לעבען.

און דאס דארפען האבען אין זינען אלע די, וואס דער אידישער ישוב, לויט דער אידישער טראדיציע, איז ביי זיי היילינג און טייער.

די לאגע אין ארץ ישראל מיט אלע איהרע פאלגען, האבען בעוואויגען דעם „מזרחי" אין אמעריקא, שוין צו שאפען גרויכע מאטעריעלע מיטלען, באופן אז גלייך נאך דער מלחמה זאל זיין א מעגליכקייט צו העלפען מאטעריאל און קולטורעל די פון אלטען ישוב, וועלכע וואוינען אין ירושלים, חברון, צפת און טבריה. און צוזאמען מיט דער ליעבע צום פאלק און אלע זיינע הייליגטהימער ענטוויקלען אין זיי אויך א ליעבע צו מלאכה, האנדעל, ערד־ארבייט און פאר יערע אומנות וואס גיט פרנסה.

דער „מזרחי" אלס אן ארגאניזאציע פון פרומע אידען, וועלכע שטעהען אויפ'ן באזיס פון דער באזעלער פראגראם און ארבייטען פאר די עקזיסטענץ פונ'ם אידישען פאלק אינ'ם אידישען לאנד לויט דער אידישער תורה. — אלס אזא ארגאניזאציאן ווייס דער „מזרחי", אז אזוי ווי מען קען ניט יוצא זיין די מצוה פון ישוב ארץ ישראל מיט זעען, פלאנצען, גרינדען נייע קאלאניעס און פארמס אהן צו טהאן, אז די שכינה זאל רוהען אין לאנד, אזוי איז די מצוה ניט גאנץ, אויב מיר וועלען ניט העלפען די וואס זארגען פאר דער שכינה אין לאנד, אז זיי זאלען בויען שכונות דורך זעען און פלאנצען.

דער "מזרחי", אלס אן ארגאניזאציע וואס גלויבט אין די היילינגקייט פונ'ם עבר און אין די האפנונגען פונ'ם עתיד, האלט,אז עס איז דער חוב פון די, וועלכע שטרעבען צו „דער אויפלעבונג פונ'ם אידישען פאלק אינ'ם אידישען לאנד, לויט דער אידישער תורה", צו העלפען די אייניקלעך פון דיג רינדער פונ'ם אלטען ישוב אין עבר ניט מיט נדבות און צדקה, נאר דורך א סיסטעמאטישע ארגאניזירטע הילף אינ'ם פארם פון הלואות, כדי זיי זאלען קענען אויפהאלטען די עקזיסטענץ פונ'ם שטאדטישען ישוב אויך אין עתיד, לויט דעם אידישען גייסט אינ'ם עבר.

און צו דעםצוועק האט דער „מזרחי" בעשלאסען שאפען א ספע-

צ י ע ל ע ן  פ א נ ד. פון מינימום הונדערט טויזענד דאלאר. דער פאנד. וואס הייסט: ארץ־ישראל פאנד זאל זיין א קרן קימת פאר קאלאניזאטארישע. אינדוסטריעלע און קולטורעלע ארבייט צווישען די ארץ־ישראל׳דיגע פרומע אידען אין די שטעדט.

דער ארץ ישראל פאנד וועט דיענען פאר א ברייטע גרויסע ארבייט אין די שטעדט און די סביבות. און וועט אָנהויבען זיין טהעטיגקייט גלייך נאך דער מלחמה.

דער ארץ ישראל פאנד וועט העלפען די פון אלטען ישוב. זיי זאַלעןלען זיך קענען קאלאניזירען און וועט זיי איינגעוואוינען צו ערד־ארבייט. דורך גרינדען פארמס און גאַרטען־קאלאניעס ארום די שטעדט.

דער ארץ ישראל פאנד וועט העלפען די הענדלער. קרעמער און בעלי־מלאכות פון אלטען שטאדטישען ישוב. דורך הלואות אויף אויסצאהלען אין ראטעס ביז צו א בעשטימטער צייט. כדי זיי זאלען האבען די מעגליכקייט צו ענטוויקלען האנדעל און מלאכה אין די שטעדט.

דער ארץ ישראל פאנד וועט אויך איינפיהרען אין די שטעדט נייע אינדוסטריע־צווייגען. דורך עפענען קליינע הויז־פאבריקען און בעשעפטיגען די וואס קענען טהאן פיזישע ארבייט. צו פערגרינגערען די פרנסה אין די שטעדט.

דער ארץ ישראל פאנד וועט אויך העלפען קולטורעל דעם אלטען ישוב. וועט פערשטארקען דעם גייסט פון דער תורה און פונ׳ם רעליגיעז־נאציאנאלען יודענטהום צווישען די יוגענד אין די שטעדט. און וועט אויך פערשטארקען די השפעה פונ׳ם טראדיציאנעל־העברעאישען חנוך. דורך שטיצען די רעליגיעז־נאציאנאלע ערציהונגס־אנשטאלטען. וואס עקזיסטירען שוין אין ארץ ישראל און. ווען נויטיג. גרינדען נייע אנשטאלטען אינ׳ם טראדיציאנעל־נאציאנאלען גייסט ווען דאָס וועט נויטיג זיין.

* * *

די הכנסות פונ׳ם  א ר ץ  י ש ר א ל  פ א נ ד  זיינען פריוואט־נדבות פון יחידים און קהל׳שע נדבות פון שוהלען, בתי מדרשים, פעראיינען און קהלות. לויט דער פראגראם פונ׳ם "ארץ ישראל פאנד", איז די שוהלען, בתי מדרשים, אגודות, קהלות, וואס וועלען געבען פון טויזענד (1000) דאלאר און מעהר פאר דעם פאנד, וועלען קריגען אן אפיציעלען שטר מכירה אויף א שטיקעל ערד ארום די שטעדט, אינ׳ם ווערט פון זייער נדבה. די ערד וועט זיין צו בעזעצען פרומע ארץ־ישראל׳דיגע אידען פון די שטעדט.

דער וואס וועט געבען פיער הונדערט דאלאר פאר דעם „ארץ ישראל פאנד“, וועט איין הויז פון די הייזער, וואס וועלען געבויט ווערען פונ׳ם פאנד, גערופען ווערען אויף זיין נאמען.

אונזערע חכמים האבען געזאגט: ווען איינער קאלכט אויס זיין הויז, זאל ער א שטיקעל איבערלאזען ניט געקאלכט — א זכר לחורבן; ווען איינער מאכט א סעודה, זאל ער איין מאכל איבערלאזען — א זכר לחורבן; ווען א פרוי טהוט אן איהר ציהרונג, זאל זי איינס איבערלאזען — א זכר לחורבן (תוספתא סוטה פ׳ ט״ו). און דאס דארפען האבען אין זינען אלע חוץ לארצדיגע אידען. זאלען אלע די, וועלכע בויען הייזער און פאלאצען אין פרעמדע לענדער, געדענקען דעם גרויסען חורבן אין ארץ ישראל און ירושלים און זאלען זיי עפעס איבערלאזען און דאס געבען פאר דעם „ארץ ישראל פאנד“ אויפצובויען דעם חורבן פון אונזער הייליג לאנד; זאלען אלע די, וועלכע האבען געגרייטע טישען, געדענקען די הונגער ליידענדע אין ארץ ישראל און זאלען זיי עפעס איבערלאזען, און דאס געבען פאר דעם „ארץ ישראל פאנד“, וועמעס צוועק עס איז צו העלפען יענע ליידענדע; זאלען די אלע פרויען, וועלכע פוצען זיך אין ציהרונג, עפעס איבערלאזען און דאס געבען פאר דעם ״ארץ ישראל פאנד“, וועמעס פראגראם איז: צו העלפען מאטעריעל און קולטורעל די ארץ ישראל אידען אין די שטעדט.

זאלען אונזערע ברידער און שוועסטער אין חוץ לארץ געדענקען זייער רעליגיעז־נאציאנאלען חוב צו די הייליגע שטעדט אין ארץ ישראל — די צענטערס פון אונזער תורה און אונזער נאציאן.

עס איז קיין ספק ניט, אז אלע אידען פון אלע פארטייען און ריכטונגען, יונג און אלט, מאן און פרוי, יחידים און קהלות, וועלען טהאן זייער חוב צו די הייליגע שטעדט אין ארץ ישראל. יעדער איד, וועלכער האט נאך ניט איבערגעריסען דעם פאדעם, וואס פערבינדעט איהם צו ארץ ישראל, וועט נעהמען א טהייל אין שאפען דעם ארץ ישראל פאנד פון מזרחי, א פאנד וועמעס צוועק איז צו פערשפרייטען תורה, עבודה (ערד־ארבייט) און גמילות חסדים אין ארץ ישראל, צו ענטוויקלען האנדעל און מלאכה אין די שטעדט, און בויען הייזער פאר תורה, פאר האנדעל און ארבייטער־שכונות פאר די וואס האבען געמאכט רוהען די אידישע־שכינה אינ׳ם אידישען לאנד.

מתקבלת החתימה על

# „העברי"

יוצא לאור ע"י „חברת עתונות עברית" בניויורק

בעריכת

## הרב מאיר ברלין

---

„העברי" נאמן להמסורה הדתית ולהתחיה הלאומית.

„העברי" כתוב בסגנון קל ומדויק. מועט המחזיק את המרובה.

ב„העברי" משתתפים גדולי חכמינו וטובי סופרינו.

---

מחיר החתימה:

לשנה — $3.00 ; לחצי שנה $1.50

לפחות מחצי שנה אין החתימה מתקבלת.

כתבת המערכת:

"Haibri" 86 Orchard St. New York, N. Y.

כתבת ההנהגה:

Hebrew Press Ass'n

86 Orchard St. New York, N.Y.

ים מיט בעשטעלונגען זיך ווענדען

**Mizrachi Bureau** New

86 Orchard St. New York, N. Y.